א גוט מארגן, דינסטאג פרשת בראשית, כ״ה תשרי תשפ״ז. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און דערהויבענע אידישע קינדער.

## די הילולא קדישא פונעם סניגורן של ישראל - דער בארדיטשובער רב זצ״ל

היינט געפאלן צוויי געוואלדיגע גרויסע יארצייטן. די יארצייט פונעם הייליגן רבי לוי יצחק בן שרה סאשא בן מאיר פון בארדיטשוב, זכר צדיק וקדוש לברכה.

עס איז באקאנט פון צדיקים אז בלויז דאס דערמאנען דעם נאמען ״רבי לוי יצחק בן שרה סאשא בן מאיר״, אדער אפילו נאר דערמאנען דעם נאמען פונעם שטאט — דער הייליגער ״בארדיטשובער״ — דאס אליין איז שוין מעורר זכותים און טוט ממתיק זיין די דינים אויף אידישע קינדער. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן. מיר זאלן טאקע זוכה זיין בזכותו צו פועלן אלעס גוטס, עס זאלן נאר זיין זכותים אויף אידישע קינדער, און אלע דינים זאלן נמתק ווערן. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז ״ויהפוך ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ״.

דער הייליגער בארדיטשובער, דער סניגורן של ישראל, פלעגט שטענדיג זאגן: ״לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל״. מען טאר נישט זען קיין שלעכטס אויף אידן, נאר מען דארף שטענדיג מליץ יושר זיין און זוכן זכותים אויף אידישע קינדער.

דער הייליגער בארדיטשובער פלעגט זאגן: ״רבונו של עולם, אויב דו וועסט מוחל זיין פאר די אידישע קינדער איז גוט, אבער אויב נישט, וועל איך מוזן מגלה זיין חלילה אז דיינע תפילין זענען פסול!״ ווייל אין די תפילין פונעם אייבערשטן שטייט דאך געשריבן ״מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ״, און אויב דער אייבערשטער איז נישט מוחל, וואס איז דעמאלט זייער יחוס? פארוואס הייסן זיי א ״גוי אחד״?

עס איז באקאנט אז דער הייליגער בארדיטשובער האט אמאל געטראפן א איד תשעה באב זיצן און עסן. האט אים דער הייליגער בארדיטשובער געפרעגט מיט א ווארעמקייט, מיט זיין הייליג און ריין הארץ וואס האט אזוי ליב געהאט יעדן איד: ״אה, מיין טייערער איד, האסט זיכער פארגעסן אז היינט איז תשעה באב?״ האט יענער געענטפערט: ״ניין, איך האב נישט פארגעסן.״ האט דער רבי געפרעגט: ״אה, אפשר פילסטו זיך נישט גוט?״ ענטפערט ער: ״ניין, איך פיל זיך זייער גוט.״ האט דער הייליגער בארדיטשובער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאגט: ״רבונו של עולם, זעסט וואסערע הייליגע אידן דו האסט? א איד איז גרייט זיך צו מאכן פאר א רשע, אבי נישט ארויסצוזאגן א ליגן פון זיין מויל!״ ער האט שטענדיג געזוכט און געטראפן דאס גוטס אין יעדן איד.

איינמאל אויפ׳ן וועג צום בית המדרש, איז ארויסגעקומען א פרוי פון איינע פון די שונאים פונעם הייליגן בארדיטשובער. די שנאה איז געווען בלויז ווייל ער איז געווען א חסיד, נישט ווייל ער האט חלילה עמיצן געטשעפעט. זי איז געווען א ווייב פון איינעם פון די מתנגדים, און זי האט אים אנגעגאסן מיט א קריגל וואסער און געשריגן אויף אים נידערטרעכטיגע ווערטער. האט דער הייליגער רבי לוי יצחק באלד געזאגט: ״אה, דאס איז אן אשה כשרה! זי טוט דאך דעם רצון בעלה מיט אזא געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט, דאס הייסט אן אשה כשרה.״

יעדן סוכות פלעגט דער הייליגער בארדיטשובער איינלאדן אורחים אין זיין סוכה, ספעציעל פשוט׳ע מענטשן פון א נידריגן שטאפל. מען האט אים אמאל געפרעגט וואס דער פשט פון דעם מנהג איז. האט ער געענטפערט: ״לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען און אלע אבות, צדיקים און חסידים וועלן זיצן אין דער סוכה פון עורו של לויתן, וועל איך דאך אויך וועלן אריינגיין. אבער די שומרים וועלן מיך נישט וועלן אריינלאזן. זיי וועלן פרעגן: ׳ווי קומט אזא פשוט׳ער מענטש ווי דער בארדיטשובער אריין זיך צו שטופן צווישן די גרויסע צדיקים?׳״ — אזוי האט ער געזאגט מיט זיין גרויס עניוות — ״וועל איך זיי ענטפערן:

'איך האב אויך אריינגענומען פשוט'ע מענטשן אין מיין סוכה', און אזוי וועט מען מיך דארט אריינלאזן."

## זיך פירן מיט חסד און זיין א "געבער" אן קיין חשבונות

הערט איר, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? דאס איז א געוואלדיגער מוסר השכל. פאר דו בארעדסט א צווייטן איד, פאר דו טוסט אים עפעס שלעכטס אדער דו פארגינסט אים נישט, דארפסטו טראכטן: עס וועט קומען א טאג וואס דו וועסט אליין דארפן צוקומען צו חסדים.

מיר שטעלן דא אויף דער וועלט אוועק א מוסטער וויאזוי דער אייבערשטער זאל זיך פירן מיט אונז. **אויב מיר זענען נישט מדקדק מיט אנדערע מענטשן און נישט מדקדק מיט אונזערע קינדער — נישט קיין חילוק צי יענער גיט מיר יא אדער נישט, צי איך באקום עפעס דערפון צי נישט — נאר איך גיב זיך אוועק פאר יענעם פשוט ווייל ער איז א איד, דאס אליין דערוועקט רחמים וחסדים. מדה כנגד מדה וועט דער אייבערשטער אויך געבן פאר'ן מענטש אן קיין חשבונות, אן אריינצוטראכטן פארוואס עס קומט אים אדער וואס דער אייבערשטער האט דערפון.** מיר גיבן ווייל מיר זענען "געבערס", ווייל אזוי האט דער באשעפער געוואלט און דאס איז זיין רצון.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען אן ארימאן קומט נאך געלט אין בית המדרש, פרעגסטו קשיות? ניין, דו גיסט אים געלט ווייל ער איז אן ארימאן. וואס וועסטו האבן דערפון? גארנישט. די זעלבע זאך דארפן מיר געבן פאר אונזערע קינדער, פאר אונזערע משפחה מיטגלידער און פאר אונזערע חברים — נישט צוליב דעם וואס מיר באקומען צוריק.

**אלעס וואס מיר טוען אויף דער וועלט דארף זיין א בחינה פון צדקה און גמילות חסד, ווייל דאס וויל דער אייבערשטער. מיר זאלן זיך אוועקגעבן אינגאנצן, אונזער גאנצן "זיך", לה' ולתורתו און פאר אנדערע אידישע קינדער.**

## די יארצייט פונעם הייליגן חתם סופר זצ"ל

זכותו יגן עלינו. היינט איז אויך די גרויסע יארצייט פונעם הייליגן חתם סופר. עס שטייט פון צדיקים — איך האב עס געהערט פון מיין זיידן זכרונו לברכה — אז דער חתם סופר האט געהאט א דין ווי א "ראשון". מיר זעען טאקע היינט ווי זיינע דברי תורה זענען צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט. נישט קיין חילוק ביי חסידים, אשכנזים, יעקיס, ספרדים אדער תימנים; ביי יעדן קיבוץ פון אידישע קינדער לערנט מען די תורה פונעם הייליגן חתם סופר,

הגה"ק רבינו משה בן רבי שמואל, זכר צדיק וקדוש לברכה, זכותו יגן עלינו.

עס איז באקאנט אז דער חתם סופר פלעגט דאווענען זייער לאנג. אמאל האט אים א תלמיד חכם געזאגט אז אין דער צייט וואס ער דאווענט וואלט ער געקענט אסאך לערנען, און יענער האט מעיד געווען אויף זיך אז אין דער צייט וואס דער רבי דאווענט, לערנט ער אפאר בלאט גמרא מיט רש"י און תוספות. האט אים דער חתם סופר געענטפערט מיט זיין הייליגקייט: חז"ל זאגן אז ווער עס איז מאריך בתפילה, מאריכין לו ימיו ושנותיו; ממילא וועט ער האבן גענוג צייט משלים צו זיין אלע בלעטער וואס דער אנדערער לערנט בשעת ער דאווענט שמונה עשרה, ווייל ער וועט דאך האבן אריכות ימים.

הייליגע לעכטיגע קינדער, "סוד ה' ליראיו". דער יסוד איז אז דער הייליגער חתם סופר האט מרביץ תורה געווען און מגדל געווען דעם כבוד שמים. ער האט אוועקגעשטעלט דעם כבוד התורה, די כבוד המסורה און דעם כבוד הרבנים. דער חתם סופר האט אוועקגעשטעלט א מהלך פאר אלע דורות, וואס גאנץ כלל ישראל קלאמערט זיך דערין און שעפט חיזוק און הדרכה פון זיינע הייליגע ווערטער. דער חתם סופר האט געזאגט אז ער איז באשאפן געווארן פאר אידישע קינדער און נישט פאר זיך אליין. ער האט קיינמאל גארנישט געטון פאר זיין אייגענעם ווענן; אלעס איז געווען פאר כלל ישראל, פאר כבוד שמים און פאר דער הייליגער תורה. זכותו יגן עלינו, מיר זאלן פועל'ן אלעס גוטס און אלע מיני ישועות.

## מאכן לעכטיג אפילו ווען עס איז חושך

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די וואך איז פרשת בראשית. שטייט אין די תורה: "והארץ היתה תהו ובהו"

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן דינסטאג פרשת בראשית, כה תשרי תשפז**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

– עס איז געווען א פינסטערניש, א וויסטעניש, "חושך על פני תהום"; א שרעקעדיגע חשכות איז געווען אויף די וועלט. שטייט ווייטער אין פסוק: "ויאמר אלקים יהי אור", עס דארף זיין לעכטיג, "ויהי אור".

שטייט אין "תורת אבות", דער הייליגער לעכאוויטשער רבי מרדכי'לע פון לעכאוויטש, האט געזאגט: ווען א מענטש געפינט זיך אין א מצב פון "חושך על פני תהום", תהו ובהו, אלעס זעט אויס ווי עס גייט חרוב, פארוויסט, שווארץ, שרעקעדיג, פחדים, ער זעט א געפערליכע חשכות אויף די וועלט, א נעפל –ח"ו

**"ויאמר", זאל ער זאגן מיט'ן מויל: "אלקים", די מדת הדין, "יהי אור". איך בעט ביים אייבערשטן אז די מדת הדין זאל זיך אויסארבעטן עס זאל ווערן דערפון אן אור. און אז מען בעט דעם אייבערשטן "ויהי אור", ענטפערט דער אייבערשטער און עס ווערט לעכטיג.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נישט קרעכצן, נישט קיין עצבות און מרה שחורה, און נישט קיין יאוש. **"ויאמר" – מען רעדט, מען זאגט מיט'ן מויל: "אלקים", הייליגער באשעפער, איך בעט דיך, די מדת הדין זאל נתהפך ווערן, עס זאל ווערן דערפון "יהי אור", א לעכטיגקייט. הייליגער באשעפער, ברענג שוין א לעכטיגקייט! זאגט די תורה אן הבטחה, און אזוי זאגט דער הייליגער רבי מרדכי פון לעכאוויטש, "ויהי אור" – עס וועט זיין אן אור.**

"ויהי" איז די אותיות י-ה-ו-י-, דאס איז איינע פון די שמות הקדושים, , וואס ברענגט אור, חסד און רחמים. מיר ווערן נישט פארלוירן, מיר פאלן נישט אוועק, מיר ווערן נישט מיואש, און מיר פלאנטערן זיך נישט אינעם חושך. מען רעדט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, לייכט אונז אויף, ברענג א לעכטיגקייט. איך טו אלעס פאר דיר, הייליגער באשעפער, איך בין זיך מבטל צו דיר, הייליגער באשעפער, אין עוד מלבדו." און די הייליגע תורה גיט אונז אן הבטחה: "ויהי אור", עס ווערט אן אור בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

די לעכצטע ווערטער פון רבי מאיר שפירא: "נאר בשמחה"

מען דערציילט אויף רבי מאיר שפירא זכר צדיק וקדוש לברכה, אז אין די לעצטע שעה ממש פאר ער איז נסתלק געווארן מן העולם, האט ער געהייסן מען זאל אים דערלאנגען א פאפיר. מיט זיין גרויסער שוואכקייט האט ער אויפגעשריבן דריי ווערטער: "טרינקט אלע לחיים". די תלמידים האבן געטרונקען לחיים און זענען צוגעגאנגען צו אים; ער איז געלעגן אפגעשוואכט אויף זיין בעט, מען האט אים געוואונטשן לחיים, און ער האט געהייסן מאכן א ריקוד אויפ'ן ניגון פון "בך בטחו אבותינו". די תלמידים האבן טאקע אנגעהויבן טאנצן ארום זיין בעט, "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו". דער הייליגער רבי מאיר שפירא האט מעודד געווען דאס טאנצן און דאס זינגען מיט די האנט.

למעשה, נאכ'ן טאנצן האבן די תלמידים געזען אז ער ווערט שוואכער און שוואכער. זיי זענען שנעל ארויס פון צימער, זענען אריינגעגאנגען אין די אנדערע צימערן, און מען האט אנגעהויבן זאגן תהלים מיט בכיות און יללות. רבי מאיר שפירא האט געהערט די בכיות און יללות; ער איז שוין געווען גאר שוואך,

האט ער צוגערופן א תלמיד, יאנקעלע לאנדאנער, און אים אריינגעזאגט אין אויער – **און דאס זענען געווען די לעצטע ווערטער וואס רבי מאיר שפירא האט געזאגט אויף דער וועלט: "נאר בשמחה".**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום". אז מען לעבט מיט "בך בטחו אבותינו", אז מען לעבט מיט "לחיים לחיים" און מיט שמחה, ווען עס קומט די צייט, ביי די הונדערט און פיפציג יאר, גייט מען אוועק פון דער וועלט בשמחה.

**דאס לעבן פון א מענטש דארף זיין א קייט, אן המשכה פון שמחה, אמונה און בטחון, פון וואונטשן לחיים פאר אלע אידן. נישט פון צער, נישט פון עגמת נפש, נישט פון זיין ווי געטון דורך אנדערע און נישט דורך ווי טון אנדערע. א גליקליך לעבן.**

**דאס איז דער קורצער אפטייטש פון "פנים מאירות". שטענדיג זאל דאס פנים לייכטן מיט פרייליכקייט און לעכטיגקייט, און עס זאל זיין אן עבודה פון אשב"ש:**

**אמונה, שלום, בטחון און שמחה – ״אני שמח בחלקי שלי״.** אזוי דארף א איד לעבן פיר און צוואנציג זיבן, כל ימי חייו, בלי הפסק ובלי היסח הדעת.

## די געוואלדיגע כוח פון אמונה און בטחון אין א צייט פון שוועריגקייטן

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. ר׳ מיכל ראבינאוויטש, האט דערציילט אזוי: ר׳ נטע צענווירטה זכרונו לברכה מיט זיין ברודער ר׳ אליעזר האבן זיך זייער געמוטשעט צו טרעפן אן עצה וואס צו טון איבער א געוויסע צרה וואס רבי נטע איז דורכגעגאנגען. עס איז געווען א זייער גרויסע צרה; זיי האבן נישט געהאט קיין מנוחה, זיי האבן פרובירט וואס מען קען נאר טון זיך אן עצה צו געבן, אבער עס איז נישט געגאנגען.

איין טאג נאכ׳ן דאווענען איז רבי מיכל צוגעקומען צו רבי נטע צענווירטה און אים געפרעגט: ״נו, וואס איז דער מצב?״ ער האט געמיינט צו פרעגן וואס עס טוט זיך מיט דער גרויסער צרה. האט אים רבי נטע געענטפערט: ״ברוך השם, אלעס איז בסדר.״ רבי מיכל ראבינאוויטש האט זיך זייער געפרייט; ער האט געוואוסט אז זיי האבן זיך אזוי געמוטשעט צוזאמען מיט זיין ברודער און גארנישט איז נישט געווארן, און יעצט ענדליך הערט ער פון רבי נטע אז אלעס איז שוין בסדר.

שפעטער האט ער אבער געזען אז גארנישט איז נישט מסודר. ער הערט אז די צרה איז נאך דא, און מען דארף נאך אסאך ישועות און נסים אריסצוקריכן דערפון. עס האט אים זייער געוואונדערט: פארוואס האט אים רבי נטע געזאגט אז אלעס איז בסדר?

ער האט געטראפן רבי נטע׳ן און אים געפרעגט: ״רבי נטע, איר האט מיר געזאגט אז אלעס איז בסדר, אבער עס איז דאך נישט בסדר!״ ״אה,״ זאגט ער, ״דאס האסטו געמיינט צו פרעגן? איך האב נישט געכאפט.״ ער האט געמיינט אז ער פרעגט עפעס אנדערש.

וואס איז פשט? רבי נטע איז געווען זייער באזארגט אז די צרה – שלא תבוא, קיינער זאל נישט וויסן – זאל אים נישט שטערן פונעם דאווענען. ער זאל נישט טראכטן דערפון ביים דאווענען, ער זאל קענען דאווענען צום אייבערשטן מיט מנוחה ושמחה אן קיין שום טרדת המחשבה. און דער אייבערשטער האט געהאלפן; ער האט אריינגעלייגט אזויפיל התעוררות און תפילה, אז ער האט געהאט סייעתא דשמיא צו קענען געהעריג דאווענען.

ווען רבי מיכל ראבינאוויטש האט געטראפן רבי נטע׳ן פונקט נאכ׳ן דאווענען, האט רבי נטע געמיינט אז ער פרעגט אים: ״וואס איז געווארן מיט׳ן דאווענען? האסטו געקענט דאווענען יא אדער נישט?״ דערויף האט ער אים געענטפערט אז אלעס איז בסדר, ווייל דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער האט געקענט מסיח דעת זיין פון די גאנצע צרה, ער האט אינגאנצן פארגעסן דערפון און געקענט געהעריג דאווענען.

שפעטער האט רבי מיכל געטראפן דעם ברודער רבי אליעזר און אים דאס דערציילט. ער האט ממש נישט געקענט גלייבן וואס ער הערט: עס שטייט א איד אין א געפערליכע עת צרה, מען געפינט נישט קיין עצה, מען מוטשעט זיך מיט אסאך דאגות, אבער זיין הויפט דאגה איז אז ער דארף קענען דאווענען צום אייבערשטן. עס איז געגאנגען אזוי ווייט, אז ווען איינער פרעגט אים נאכ׳ן דאווענען ״וואס טוט זיך״, האט ער אפילו נישט געכאפט אז מען רעדט פון די עצם צרה, נאר געמיינט אז מען פרעגט צי דאס דאווענען איז געלונגען, און ער ענטפערט: ״יא, דאס דאווענען איז געלונגען.״

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אמונה, דאס איז בטחון, און דאס איז שמחה! אז קיין שום שוועריגקייט, קיין שום צרה און קיין שום אנגעצויגנקייט שטערט אונז נישט אונזער דאווענען, אונזער לערנען, אונזער קדושה, טהרה און דביקות הבורא. אונזער פנים דארף לייכטן מיט א לעכטיגקייט; מען זאל אפילו נישט זען אויף א מענטש אז ער גייט אדורך א שוועריגקייט, און עס זאל נישט שטערן די עבודה פון אמונה, שלום, בטחון און שמחה.**

יעדער ווייסט אז בעת צרה זענען דאס די שווערסטע עבודות: אמונה און שלום. ווען איינער טשעפעט א צווייטן בעת צרה, ווערט מען שנעל אין כעס, מען ווערט אויפגערעגט און באליידיגט, מען איז סענסיטיוו. אבער מען קען זיך שטארקן מיט בטחון, זיין פארזיכערט אינעם

אייבערשטן אן קיין דאגות, זארגן אדער פחדים, און זיין פרייליך מיט שמחה – דאס איז אונזער עבודה: "אני שמח בחלקי". איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? דאס איז אונזער עבודה און דאס זענען אונזערע כוחות וואס מיר לייגן אריין, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא, יעדן טאג עקסטער.

## די עבודה פון "פנים מאירות" פאר די קומענדיגע וואכן

רבי חיים אורי פריינד האט דערציילט, אז ער האט אמאל געהערט פון רבי נטע צענווירט, ווען זיין טאכטער איז אוועק יונגערהייט – לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל, ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום – ער איז דורך געפערליכע יסורים, ס'איז נישט גרינג, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. האט רבי נטע צענווערט דערציילט, אז דער יצר הרע האט אים געזאגט: "היינט גייסטו נישט קענען דאווענען, אזא זאך איז געשען! ווי קען מען האבן ישוב הדעת ווען מ'פארלירט א קליין קינד בחיי די עלטערן? דאס זענען דאך יסורים נוראים." אזוי האט דער יצר הרע געזאגט פאר רבי נטע, אזוי פארציילט ער.

האט רבי נטע ווייטער דערציילט: "האב איך געענטפערט פאר'ן יצר הרע: פיין, איך וועל נאר דאווענען איין ווארט – 'ברוך'. איין ווארט מוזטו מיר לאזן דאווענען." און אזוי איז טאקע געווען, ער האט נאר געזאגט "ברוך". אבער איינמאל ער האט זיך געקענט מצמצם זיין צו זאגן "ברוך", האט ער שוין געקענט זאגן "אתה ה'", און אזוי ווייטער דאווענען די גאנצע דאווענען. "ובתחבולות תעשה לך מלחמה".

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס מיינט דביקות הבורא? אז ווען מ'שטעלט זיך דאווענען, שטעלט מען זיך דאווענען איין ווארט. און דורך דעם איין ווארט וואס מ'איז זיך מתגבר און מ'איז זיך מצמצם, און מ'איז זיך מבטל און מכניע צום אייבערשטן ביז'ן סוף און מ'מאכט התפשטות הגשמיות, קען מען שוין ווייטער אנהאלטן די גאנצע דאווענען.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז די עבודה וואס מיר גייען ארבעטן דא אין "פנים מאירות" בעזרת השם אין די קומענדיגע פיר וואכן, ביז כ"ה מרחשון תשפ"ז; הארעווען אז קיין שום מאורע און קיין שום מקרה בעולם זאל אונז נישט קענען שטערן פון דאווענען, פון לערנען, אדער פון טון מצוות ומעשים טובים. גארנישט זאל נישט קענען אוועקנעמען אונזער ישוב הדעת און אונזער קאפ פון טון חסד, העלפן אנדערע אידן, און זיין מיט א "פנים מאירות". דאס איז אונזער עבודה.**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זכותם יגן עלינו, פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.**

## שיעור כ"ט: הלכות כיבוד ומורא אב ואם

כיבוד אב ואם 10 מינוט, שיעור נומער 29. בסיעתא דשמיא.

## דער איסור פון סותר זיין אדער אפווענדן די ווערטער פון די עלטערן

די הלכה אין שולחן ערוך איז, אז מען טאר נישט אפווענדן די ווערטער פון א טאטע אדער א מאמע, סיי אין דברי תורה און סיי אין וועלטליכע זאכן. **א קינד קען נישט זאגן פארן טאטן: "עס שטימט נישט וואס דו זאגסט", "עס איז נישט אמת וואס דו זאגסט", אדער "די מעשה איז נישט אזוי געווען". מען טאר בשום אופן שבעולם נישט אזוי רעדן צו א טאטע אדער א מאמע**. נאר אויב דער טאטע אדער די מאמע פרעגן און זיי ווילן באמת הערן, מעג מען עס זאגן מיט דרך ארץ. אבער סתם אפצואווענדן וואס א טאטע אדער א מאמע זאגן טאר מען נישט אויף קיין שום וועג, אפילו נישט ביי דברי תורה.

## דער איסור פון מכריע זיין אדער געבן א הסכמה צו די עלטערן

מען טאר אויך נישט זאגן פאר א טאטע אדער א מאמע: "אה, עס געפעלט מיר, וואס דו זאגסט גוט." דאס מיינט, למשל, ווען דער טאטע האט א סכסוך מיט איינעם, טאר דער זון אוודאי נישט זאגן אז יענער איז גערעכט און דער טאטע נישט; אבער אפילו צו זאגן "עס געפעלט מיר וואס דער טאטע זאגט" טאר ער אויך נישט. פארוואס? ווייל דאס מאכט עס אויסזען כאילו זיין טאטע דארף צוקומען

צו זיין הסכמה אדער הכרעה, און דאס איז אויך א זלזול אין דעם כבוד פון א טאטע און א מאמע.

דער איסור פון מכריע זיין איז נאר ווען זיי זענען אנוועזנד. ווען זיי זענען נישט דארט, מעג מען פאר אנדערע מענטשן יא מכריע זיין ווי דער טאטע, אדער אפילו אנדערש ווי דער טאטע.

מען זעט דאך אז גדולי הפוסקים און די ראשונים האבן טייל מאל נישט געפסקנט אין הלכה פונקט ווי זייערע טאטעס. דער טורי זהב האלט אז סותר צו זיין די ווערטער פון א טאטע מעג מען אויך ווען זיי זענען נישט דארט, אבער דער ש״ך האלט אז מען טאר נישט.

אין הלכה פסקנט מען ווי דער טורי זהב, אבער אלעס מוז געטאן ווערן מיט א געוואלדיגע דרך הכבוד.

עס טאר נישט זיין אויף אן אופן פון זלזול צו די עלטערן. למשל, מען טאר נישט לייגן א ״שטעמפל״ אויף א טאטע אדער א מאמע, אדער זאגן אויף זיי א זאך וואס וועט זיי אריינשטעלן אין א בזיון׳דיגע מצב אדער געבן א בזיון׳דיגע אפטייטש, ווי למשל א ״דיאגנאז״. א קינד טאר דאס נישט זאגן און טאר בכלל נישט זיין אריינגעמישט אין אזעלכע ענינים. פון א טאטע און א מאמע רעדט מען ווי פון א מלך און א מלכה; די גרעסטע כבוד און די שענסטע מענטשן ביי אונז זענען אונזערע עלטערן.

מען מעג האבן א פלפול מיט א טאטע אדער א מאמע. למשל, אויב דער טאטע זאגט עפעס אין לערנען, מעג מען מפלפל זיין און צוריקפרעגן, כל זמן מען ווענדט אים נישט אפ און מען זאגט נישט ״עס געפעלט מיר וואס דו זאגסט״. נאך מער, צו זאגן אן אייגענע מיינונג אדער א פשט אין לערנען וואס איז אנדערש ווי דער טאטע מעג מען אויך, ווייל די תורה איז אפן פאר יעדן; אבער עס מוז צוגיין אויף א זייער מכובד׳דיגע אופן. און באמת גערעדט, פעלט עס נישט אויס, סיידן אויב דער טאטע האט הנאה פון דעם פלפול.

רבי עקיבא איגר האט אמאל געשריבן א בריוו פאר זיין איידעם, דער הייליגער חתם סופר, און אונטן פונעם בריוו האט ער צוגעשריבן פאר זיין טאכטער, די רעביצין שרה׳ל ע״ה, אז אינעם פריערדיגן בריוו וואס דער חתם סופר האט געשריבן, האט זי גארנישט צוגעשריבן. געווענליך פלעגט זי צושרייבן צו יעדע בריוו וואס דער חתם סופר האט געשיקט פאר רבי עקיבא איגר, וואס איז רוב מאל געווען אין לערנען. רבי עקיבא איגר שרייבט איר אז ער איז באזארגט און ער האט גרויס צער און אנגעצויגנקייט פארוואס זי האט נישט צוגעשריבן, און ער וועט זיך נישט בארואיגן ביז זי וועט אים שרייבן.

## ווייזן פאר די עלטערן אז מען טראכט פון זיי און זיי באזוכן

דער ענין פון אינזין האבן די עלטערן און זיי געדענקען, צו מאכן זיכער אז די עלטערן שפירן אז מען זארגט פאר זיי, אז מען טראכט פון זיי און מען באשעפטיגט זיך מיט זיי, איז א זייער וויכטיגע הלכה אין הלכות כיבוד אדער מורא אב ואם.

עס מאכט זיך היינט אז מען וואוינט אין א צווייטע שטאט; אויב דו קומסט אריין אין די שטאט וואו דיינע עלטערן וואוינען, ביסטו מחויב על פי תורה אריינצוגיין זאגן א ״גוטן טאג״. אויב עס איז ממש נישט מעגליך, דארפסטו רופן דיינע עלטערן און זאגן: ״איך בין דא אין שטאט, אבער איך וועל נישט קענען אריינקומען ווייל די צייט ערלויבט נישט. איך בעט ענק איבער און זייט מיר מוחל.״ זיי דארפן מוותר זיין; אויב נישט, דארפסטו מוותר זיין אויף דיינע פלענער.

דו קענסט פארשפעטיגן א חופה, א סעודת חתונה, אדער אפילו א תנאים. אריינקומען אין שטאט און נישט אריינגיין צו די עלטערן פאראורזאכט יסורים, בזיונות, צער און עגמת נפש פאר עלטערן. דאס טאר קיינער נישט טון, נישט א מאן און נישט א פרוי.

אריינקומען אין שטאט אן מעלדן פאר די עלטערן אז מען געפינט זיך דארט, איז אויך זייער נישט אויסגעהאלטן לויט די הלכות פון כיבוד און מורא אב ואם. ווייל אויב די עלטערן וועלן דאס געוואוירווערן פון אנדערע מענטשן — ״איך האב געזען דיין זון אדער דיין טאכטער״ — און מען איז נישט אריינגעקומען, ברענגט דאס בזיונות, זלזול, צער און עגמת נפש.

א מענטש דארף ביי זיך אליין פילן אז ער וויל אפילו נישט זיין אין א שטאט אן באזוכן זיינע עלטערן. פונקט ווי עס פאלט דיר נישט איין, ווען דו קומסט אריין אין א שטאט, אז דו דארפסט נישט דאווענען אדער גיין אין מקוה, דאס איז נאך פיל הארבער און וויכטיגער. עס איז פון די הארבסטע הלכות אין די תורה, חמורות שבחמורות.

## נישט איבערלאזן די עלטערן ביי משפחה פארוויילונגען

די זעלבע זאך זעט מען היינט אז עס מאכט זיך: קינדער קומען זיך צוזאמען אויף א פרישטאג אדער א מיטאג צו פארברענגען צווישן זיך, און זייער אפט לאזט מען אויס די עלטערן. דאס פאראורזאכט שטארקע יסורים און בזיונות פאר די עלטערן, און עס איז זייער נישט גוט פארן חינוך פון די קינדער. דאס הייסט אז מען האט "פארזען" די עלטערן.

אויסער דעם וואס מען דארף וויסן אז עס איז קעגן כיבוד אב ואם ומורא אב ואם, איז עס אן אומאויסגעהאלטענע זאך. אונזערע עלטערן דארפן אונז ווייזן וויאזוי מען קומט זיך צוזאמען און וואס מען טוט דעמאלטס. עס דארף זיין א כבוד און א מורא, און עס דארף זיין א "בעל שמועה" וואס זאל איבערגעבן אונזער מסורה, וואס מען טוט יא און וואס מען טוט נישט ווען מען קומט זיך צוזאמען.

די שענסטע כיבוד אב ואם און די שענסטע משפחות זענען די וואו אלעס וואס די משפחה טוט — יעדע צוזאמקום, יעדע רייזע, יעדע קומען און גיין — אלעס דרייט זיך ארום די עלטערן. עס דרייט זיך בכלל נישט ארום זיך אליין, נאר ארום די עלטערן: וואו מען קען געבן פאר די עלטערן, צוזאמנעמען די משפחה פאר די עלטערן, און טון פאר די עלטערן. דאס איז די שענסטע, הייליגסטע, ערליכסטע און מערסט אויסגעהאלטענע וועג וויאזוי א אידישע שטוב דארף זיך פירן. און צו דעם קומט צו די געוואלדיגע שכר פון "למען ייטב לך והארכת ימים".

## די געוואלדיגע ברכה פון האלטן א נאנטן קשר יעדן טאג

די מאמע, זאל זיין געזונט, האט מיר אנגעוויזן אויף א געוויסע משפחה וואס האט קינדער וואס שיינען און לייכטן אין תורה, עבודה, יראת שמים און גוטע מדות, און אין אלעס וואס א איד דארף צו האבן. זיי טוען הערליכע שידוכים. די מאמע האט מיר דערציילט אז די קינדער אין יענע שטוב רופן אן די עלטערן יעדן איינציגן טאג; ממש יעדן טאג, פון ווען זיי פלעגן גיין אין ישיבה אדער אין קעמפ, ביז היינט ווען זיי זענען שוין חתונה געהאט. יעדן טאג רופן אלע קינדער די עלטערן זיך צו באגריסן און לאזן הערן פון זיך. און וויבאלד זיי לאזן די עלטערן אזוי שטארק אנטייל נעמען אין זייער לעבן, זענען זיי זוכה צו תורה, גדולה, פרנסה, ערליכע קינדער און שיינע שידוכים וואס מען קען ממש מקנא זיין – אוודאי אויף אן אופן פון "קנאת סופרים תרבה חכמה". זיי האבן הצלחה, ברכה און סיעתא דשמיא.